# פרשת חיי שרה י"ט – כ"ה חשון תש"פ לפ"ק

***יום ראשון פרשת חיי שרה***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' ברכת המזון סימן ק"צ סעיף ג') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** געפונט די פאריגע וואך אין די פרשה, אז אברהם אבינו האט אריינגענומען די מלאכים צו זיך אין שטוב, און מיט א געוואלדיגע מסירת נפש האט ער זיי געגעבן צו עסן. א זקן פון הונדערט יאר, שלישי למילה, כחום היום, און פון דעסטוועגן דאך האט ער זיי אויפגענומען, און געבערענגט פאר זיי מעדני מלכים. און נישט נאר ער איז געווען שוואך, נאר די גאנצע בני בית זענען שוואך געווען, ווייל אלע האבן זיך גע'מל'ט. ער האט נישט געהאט קיין איין עבד און קיין איין באדינער אין שטוב, וואס איז נישט געווען גע'מל'ט. און פון דעסטוועגן דאך, יקח נא מעט מים, ואל הבקר רץ אברהם, ער האט גע'שחט'ן דריי בהמות, און כשר געמאכט די דריי בהמות, און פאר יעדן געגעבן צו עסן א לשון, א עקסטערע צונג. עס איז געווען א געוואלדיגע מדת החסד פון אברהם אבינו.

**און** די גמרא (בבא מציעא פו:) זאגט, אז דער אייבערשטער האט אים באצאלט דערפאר. פאר דעם וואס ער האט געגעבן וואסער, האט דער אייבערשטער געגעבן וואסער פאר יודען אין מדבר. פאר דעם וואס ער האט געגעבן ברויט, ואקחה פת לחם, האט דער אייבערשטער געזאגט (שמות טז-ד) הנני ממטיר לכם לחם מן השמים. ואל הבקר רץ אברהם (יח-ז), ער האט זיי געגעבן פלייש, ויגז שלוים (במדבר יא-לא), האט דער אייבערשטער געגעבן שליו אינעם מדבר. דער אייבערשטער האט באצאלט פאר אברהם אבינו פאר זיינע קינדער, אויף די מדת החסד וואס ער האט געטון. **א מענטש טוט אמאל א מצוה, ער גלייבט אז ער וועט באקומען שכר, אבער מען האט אסאך מאל נישט קיין השגה ווי גרויס דער שכר איז.** פאר איין סעודה וואס ער האט געגעבן פאר די אורחים, האבן ששים רבוא יודען, אויסער די ווייבער און די קינדער, באקומען צו עסן פערציג יאר אין מדבר, אלץ שכר אויף דעם וואס ער האט געגעבן איין סעודה פאר די מלאכים. אזוי פיל איז די שכר פאר טון חסד.

**מען** קען אבער פרעגן א קשיא. אויף ברויט וואס ער האט געגעבן, האט מען באקומען מן. אויף פלייש וואס ער האט געגעבן, האט מען באקומען שליו. וואס איז א גרעסערע טירחה, צו באקען א שטיקל חלה, אדער כשר צו מאכן א בהמה? איז דאך מסתבר אז צו מאכען א חלה, קנעט מען איין א טייג, און מען לייגט עס אריין אין אויוון, און עס קומט ארויס. אבער כשר צו מאכען א בהמה נעמט צייט און כח, ביז מען שחט די בהמה, און מען ביי שינדט אפ די הויט, און ביז מען צושניידט די פלייש, און מען זאלצט עס, און ביז מען קאכט בישרא דתורא, דאס איז מן הסתם צען מאל אזויפיל די ארבעט פון אהערשטעלן א פת לחם. און פאר די קליינע זאך, דעם לחם וואס ער האט געגעבן, האט ער באקומען לחם מן השמים, ברויט פון הימל. און פאר די גרויסע ארבעט פון ואל הבקר רץ אברהם, פאר דעם האט מען נישט געגעבן קיין פלייש פון הימל, נאר דער אייבערשטער האט געמאכט אז פונעם ים איז געקומען שליו, און זיי האבן געהאט צו עסן. פארוואס קומט זיך פארן ברויט, לחם מן השמים, און פאר געבן פלייש, איז געקומען ויגש שלוים.

**עס** איז שווער נאך א קשיא, און איין קשיא וועט פארענטפערן די צווייטע. וועגן ואקחה פת לחם האט ער באקומען די מן?! רש"י זאגט דאך, ולחם לא הביא, ער האט נישט געברענגט קיין לחם, עס איז טמא געווארן. איז דאך נישט געווען קיין לחם אינגאנצן. ביי אונז אין די גמרא (בבא מציעא פז.) שטייט נישט, אז וועגן ואקחה פת לחם, נאר בשכר ויקח חמאה וחלב, האט מען זוכה געווען צו דעם מן, אבער אין תוספתא (סוטה ד-א) שטייט, בזכות ואקחה פת לחם, הנני ממטיר לכם לחם מן השמים. דו האסט געברענגט לחם, באקומסטו אויך לחם.

**די** וועלט פארציילט א מעשה פונעם **רבי פון לובלין זי"ע**, אז מען האט אים אמאל מכבד געווען אין עפעס א דערפל אז ער זאל זיין סנדק ביי א ברית, און ער האט פארשפעטיגט. עס איז נישט געווען א

טעלעפאן אז מען זאל וויסן צו ער קומט, צו נישט. דער בעל הבית האט געזעהן אז עס גייט אדורך א שעה נאך א שעה, און ער קומט נישט אן, האט ער געמאכט דעם ברית, און ער האט גענומען א צווייטע סנדק. ווען מען האט געענדיגט די ברית, און מען זעצט זיך אראפ צו די סעודה, איז דער רבי פון לובלין אנגעקומען, און ער טרעפט אז עס איז שוין לאחר המעשה, מען האט שוין גע'מל'ט דאס קינד. האט ער זיך נישט באליידיגט, ער האט זיך נישט אויפגעהויבן און געזאגט א גוטן טאג, ער גייט אהיים, מען האט נישט געווארט אויף מיר. נאר ער האט געזאגט, אז ער וויל זיך צוזעצן צו די סעודה. און ער האט זיך געוואשן, און ער איז געזעסן ביי די סעודה מיט א געוואלדיגע שמחה. און מען האט זיך געוואונדערט, ולשמחה מה זו עושה, וואס איז דער שמחה.

**האט** ער געזאגט, אז ער האט א געוואלדיגע שמחה פונעם היינטיגען ברית. געווענליך ווען א יוד איז מקיים א מצוה, איז אסאך מאל דא וואס ער האט א פניה בשעת מען טוט די מצוה. ביי פשוטע מענטשען איז עס א פניה גשמי, דער אייבערשטער זאל אים געבן אז ער זאל זיין געזונט, ער זאל האבן פרנסה וכדומה. און ביי א ערליכער יוד, קען זיין די פניה א העכערע פניה, ער זאל באקומען עולם הבא פאר די מצוה וואס ער האט געטון. עס קען זיך פארווארפן א פניה דערין. נאכדעם, עס איז דא אזויפיל כוונות וואס מען דארף מכוון זיין ביי א מצוה, קען דען א מענטש זאגען אז ער האט מכוון געווען אלע כוונות פון די מצוה ווי עס דארף צו זיין. אבער חשב לעשות מצוה ונאנס עליה ולא עשאה, מעלה עליו הכתוב כאילו עשאה (קידושין מ.). ווען א מענטש האט געוואלט טון א מצוה, און ער איז געווען א אונס, און דער אייבערשטער טוט רעכענען כאילו ער האט געטון די מצוה, ווען דער אייבערשטער רעכנט אז ער האט געטון א מצוה, איז עס א מצוה אן א פניה, און עס איז מיט אלע כוונות וואס מען קען מכוון זיין. האט דער רבי פון לובלין געזאגט, אזא סנדקאות האט ער נאכנישט געהאט. דער אייבערשטער איז מעלה עליו הכתוב כאילו עשאה, ער איז א סנדק, און ער האט עס מקיים געווען אן פניות, דאס איז געווען די חשוב'סטע ביי אים.

**אברהם** אבינו האט זיך מטריח געווען און ער האט געברענגט פאר די אורחים וואס מען דארף, ואקחה פת לחם, אבער לחם לא הביא, ער האט געוואלט ברענגען ברויט, אבער עס איז נישט דא, עס איז טמא געווארן. אבער אז הקב"ה איז מעלה עליו כאילו עשאה, איז אויף די וועלט האט ער נישט געהאט די מצוה פון ואקחה פת לחם. אבער אין הימל איז עס געווען א מצוה, עס איז א הימלישער מצוה, און פאר א הימלישער מצוה איז הנני ממטיר לכם לחם מן השמים, די לחם איז געקומען מן השמים. ואל הבקר רץ אברהם, אמת טאקע דו האסט זיך געפלאגט, און דו האסט געברענגט דעם בקר, אבער ווער ווייסט צו די מצוה איז געווען ווי עס דארף צו זיין. עס איז נישט א הימלישער מצוה, עס איז א ערדישער מצוה, אויף דעם איז געווען ויגז שלוים, אויף דעם האט מען באצאלט אויף די וועלט. אבער וואס מען האט געטון און עס איז געווען בלתי לה' לבדו, דער אייבערשטער האט עס מחשיב געווען פאר א מצוה, אויף דעם איז געקומען לחם מן השמים.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **משולם יאקאבאוויטש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אהרן אלימלך גאלדבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס צבי. ואצל החתונה של בת הר"ר **חיים צבי וועכטער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אברהם הערש שעהר** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתנים והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת חיי שרה***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **נתנאל** (ב"ר סיני הי"ו) **ווייס** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **אברהם געלב** הי"ו, שהתקיים בביתו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר כך שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **אליקים באדאנסקי** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש וויזניץ במאנסי.

אחר הברית נכנס **רבינו שליט"א** לביקור אצל **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א.**

***וזה תוכן השיחה:***

**האדמו"ר מוויזניץ מאנסי:** אויסער די אלע תורות וואס מען דארף זאגען און רעדן, פארט מען נאך ארום צו ברית'ן אויך?

**רבינו:** עס קומט נישט אויס אזוי סאך צו פארן, נאר אמאל אמאל.

**האדמו"ר מוויזניץ מאנסי:** איך האב שוין אויפגעגעבן אויף די ברית'ן.

איך האב דא דעם **שמן ראש** אויפן טיש, איין באנד זיכער...

**רבינו:** יגדיל תורה ויאדיר. ב"ה מען הערט זייער שיינע גריסן פון מאנסי דא. דער רבי הערט אפשר נישט, אבער איך הער יא. אז מען קען אויפטון, איז עס א גרויסער זכות.

**האדמו"ר מוויזניץ מאנסי:** רעדן און רעדן דאס איז זייער שווער, איך בין נישט געוואוינט דערצו. אלע מיינע ברודערס האבן שוין גערעדט אלע יארן, זיי האבן געהאט רבנות'ן, איך בין דא געוועזן ביים טאטן, איך האב נישט געדארפט רעדן, אויסער דעם שיעור וואס איך האב פארגעלערנט. יעצט דארף מען רעדן דא א פתיחה, און דארט א פתיחה, און אין כולל.

**רבינו:** עס איז דא סייעתא דשמיא.

**וכיבד את רבינו לברך על היין**

**האדמו"ר מוויזניץ מאנסי:** דער באשעפער זאל העלפן מען זאל האבען הצלחה און סייעתא דשמיא אין די עבודת הקודש און אין אלעמען.

**רבינו:** מזל טוב צו די חתונה (של נכדו), מען זאל זעהן אסאך נחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. מען זאל קענען אויפטון להגדיל תורה ולהאדירה, און עס זאל גרינג אנקומען.

**האדמו"ר מוויזניץ מאנסי:** ביי א ברית זאגט מען, עמוד על ימיני וסמכני. מען דארף יעדן טאג האבן דעם עמוד על ימיני וסמכני, נישט נאר ביים ברית.

**רבינו:** איך האב פונקט היינט געטראכט, פארוואס ביי קיין שום מצוה זאגט מען עס נישט. עס איז דא אסאך שווערע מצות וואס מען איז מקיים.

עס קען זיין, ווייל ביי די ערשטע ברית מילה פון אברהם אבינו, איז געווען וכרות עמו הברית, ער האט נישט געקענט אליין. איז די ערשטע קיום המצוה געווען מיט א סיוע פונעם אייבערשטען, איז עס געבליבן א נצחי אויף אלע דורות, אז ביי יעדן ברית ווערט זיין א סייעתא.

**האדמו"ר מוויזניץ מאנסי:** בפשטות די גמרא (גיטין נז:) זאגט דאך אויך, אז כי עליך הרגנו כל היום (תהלים מד-כד), גייט ארויף אויף מילה. אונז האב מיר נישט אזעלכע מצות וואס זאלן זיין א סכנה בשעת מען איז עס מקיים.

**רבינו:** מען זעהט נישט אז ווען א דאקטער זאל היילען איינעם, זאל ער דארפן זאגען פארן אפערעישאן, עמוד על ימיני וסמכני.

**האדמו"ר מוויזניץ מאנסי:** ער דארף מסתמא אויך זאגען עפעס א תפלה.

**רבינו:** איך וויל נישט אויפהאלטען, דער אייבערשטער זאל געבן שמחות ווייטער אויך, מתוך שמחה וטוב לבב.

**וליוה את רבינו בדרך צאתו, ונפרדו לשלום**

*

אחר כך עלה **רבינו שליט"א** לביתו של הר"ר **אליקים באדאנסקי** הי"ו, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **שמואל דוד פרידריך** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **משה לעפקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת רבקה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יונתן לעפקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם קראסנא.

*

***יום שלישי פרשת חיי שרה***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יונתן לעפקאוויטש** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש במוהלות אצל הברית של בן ש"ב הרב **הערשל ראזענפעלד** שליט"א (חתן הגה"צ אב"ד חליסא שליט"א) שהתקיים בבית המדרש וויזניץ ב"פ.

אחר הברית נכנס **רבינו שליט"א** לביקור אצל **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ ב"פ שליט"א.**

**וזה תוכן השיחה:**

**האדמו"ר מוויזניץ ב"פ:** נאך מיין טאטענ'ס פטירה, עס איז געווען ביי מיר אלעס ניי, האט מיר דעם רב'ס ספר אסאך ארויסגעהאלפען. מיין זיידע (כ"ק **האדמו"ר מוויזניץ מאנסי זצ"ל**) האט געעפנט א שטיבל אין מאנסי יארן צוריק, און איך בין געווען דארט רב, האט איך גענוצט דעם ספר. און ווען מיינע צוויי פעטערס (כ"ק **האדמו"ר מוויזניץ מאנטריאל שליט"א, וכ"ק האדמו"ר מוויזניץ בית שמש שליט"א**) זענען געווארן רבנים, האב איך זיי געזאגט פון דעם ספר, און זיי האבן עס אנגעהויבן צו נוצן בקביעות. ווען איך טרעף זיי, זאגען זיי מיר, אז איך בין זייער רבי. האב איך זיי געזאגט, איך בין נישט זייער רבי, איך בין נאר א מורה דרך, איך האב געוויזען ווי נאכצוקוקען.

**רבינו:** עס איז זאכען וואס מען האט געזאגט ברבים, האב איך עס פראבירט צו שרייבן, אז מען זאל עס קענען נאכזאגען, עס זאל זיין צוגעשטעלט.

**האדמו"ר מוויזניץ ב"פ:** עס האט ביידע מעלות, עס איז תוכן'דיג, און עס איז פיין אריינגעטייטשט אויך.

**רבינו:** עס איז קיין עין הרע א גרויסע קהלה דא. עבודות אני נותן לכם. היינט איז דא ב"ה א עולם פון מבקשים, וואס מען קען מחזק זיין, איז א געוואלדיגער זכות.

**האדמו"ר מוויזניץ ב"פ:** דער רב האט געזאגט ביי די אסיפה ביים **מונקאטשער רבי** אין שטוב (אצל האסיפה בענין 'גזירת החינוך' בניו יארק, ביום ה' פרשת כי תבוא העעל"ט), אז מען דארף מעורר זיין אז מען זאל נישט לאזן פארפאלן די בחורים[א]. איך האב עס אזוי שטארק געשפירט, עס איז אזוי שווער דאס.

**רבינו:** עס איז זייער שווער, עס איז זייער שווער.

**האדמו"ר מוויזניץ ב"פ:** אסאך מאל איין שווערער בחור שטערט די גאנצע כתה.

**רבינו:** מען קען נישט פאראורטיילן די ישיבות, מען דארף אבער זוכן די וועג וואס מען קען יא טון.

**האדמו"ר מוויזניץ ב"פ:** עלטערן ווערן ברוגז, און פון די אנדערע זייט, ווען מען נעמט אריין אזא בחור, שטערט עס דעם גאנצן יאר. אבער פון די אנדערע זייט, זענען דא וואס זענען פארווייטאגט פארוואס מען האט נישט אריינגענומען.

**רבינו:** מען קען נאר פראצענטאעל אריינעמען שוואכערע, לויט וויפיל גוטע עס איז דא. פאר יעדע מצויין קען מען אריינעמען צוויי שוואכע. טאמער די מצויינים גייען ארויס, און עס בלייבן די בינונים און די חלשים, קען זיך עס נישט האלטן. ווען דער טאטע האט א בחור א מצויין שיקט ער אים איך וויים וואו, און ווען ער האט א חלוש, דעמאלטס זאגט ער אז ער איז דאך פון די קהלה, און מען דארף אים אננעמען.

אין חדר האט זיך די כתה געקענט האלטן, ווייל דער מצויין מיטן חלש זענען געווען צוזאמען, און אז מען ציהט ארויס א חלק פון די מצויינים, איז נישט דא קיין פלאץ פאר די חלשים. ווייל דער בינוני, אדער ציהט ער צו דעם מצויין, אדער ציהט ער צו דעם חלש. אויב ער האט גענוג מצויינים, ציהט ער אויף די זייט, טאמער מען לאזט דעם בינוני מיט די חלשים, פאלט ער אראפ.

**האדמו"ר מוויזניץ ב"פ:** די מציאות איז אזוי, און דאס איז די שוועריקייט, ווייל די שוואכע בחורים ווערן פארפאלן, זיי האבן נישט קיין געהעריגע ישיבה גייען זיי אריין אין א שוואכע ישיבה, און זיי פאלן נאך מער. עס זענען דא יונגלעך וואס ווייגען, אז זיי ווילן נישט גיין וואו מען וויל זיי לייגען, זיי קענען די יונגלעך וואס גייען אהין, זיי האבן נישט קיין יראת שמים, און זיי האבן אין זיך ערליכקייט, אבער זיי קענען נאר לערנען אפאר שורות גמרא.

**רבינו:** עס איז זייער שווער.

**האדמו"ר מוויזניץ ב"פ:** עס איז נישט דא קיין עצה אויך נישט.

**רבינו:** מען דארף מטכס עצה זיין, מען דארף זוכען.

---

[א] וכה דברי **רבינו שליט"א:** מען דארף זיך מתבונן זיין, פארוואס איז געקומען אזא גזירה. וואס האט צוגעברענגט דערצו, אז אונזערע היימישע קינדער, וואס זענען נתחנך געווארן אין אונזערע מוסדות, זאלן זיין אזעלכע וואס זיי האבן אריינגעברענגט די קלאגע אקעגן די מוסדות התורה. עס איז מעגליך אז עפעס דארף האבן א תיקון אין אונזערע חינוך אין די מוסדות. יעדער ווייסט די פראבלעמען היינט, עס איז דא עלטערן וואס קענען אסאך מאל נישט אריינגעבן די קינדער אין תלמוד תורה און אין ישיבות, און עס קומט אויס אז עס פאלן אוועק. עס איז א געוואלדיגע פראבלעם. פון די אנדערע זייט זענען די מוסדות אויך גערעכט. מען דארף זיך אראפצוזעצן, און מטכס עצה זיין, וואס מען קען טון צו דעם, אז עס פאלן אוועק אזויפיל קינדער, זעהן וואס עס איז בידינו אז מען זאל קענען טון.

**האדמו"ר מוויזניץ ב"פ:** און דאס אז מען זאל מאכען אלע צוזאמען א ישיבה פאר די שוואכע, וואס האבען יראת שמים.

**רבינו:** דאס גייט אויך נישט, ווייל דער חלש דארף אויך האבען אויף וועם ארויפצוקוקען. אז מען לאזט נאר חלשים צוזאמען, האט ער נישט פון וואו ער זאל זיך בויען. א גרויס חלק בויט זיך טאקע א בחור פון זיינע משפיעים, פון זיינע רבי'ס, אבער א גרויס חלק בויט ער זיך פון זיינע חברים ארום און ארום[ב]. ה' ירחם. מען זאל קענען הערן נאר גוטע בשורות.

אחר כך הסיב **רבינו שליט"א** בסעודת הברית בבית המדרש.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **שמואל זאנוויל מארקאוויטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יקותיאל יודא** (לייבי) **פריינד** הי"ו.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **שמעון לאנדא** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יהושע אליקים**

---

[ב] נעתיק מתוך דברי **רבינו שליט"א** בדרשת ז' אדר שנת תשע"ד לפ"ק (נדפס **בשמן ראש** על ז' אדר ח"ב דף קנח) שהאריך בענין זה, וכה הם הדברים: אנו רואים מדי שנה בשנה שמתרבים בחורים הנושרים מהישיבות, מען ווארפט זיך ארום מיט בחורים, ובחורים חלושים בכשרון אף שהם יראים ושלמים, סוגרים בפניהם הדלת, ורוחם נשברה גם כאשר כבר הם מתקבלים לאיזה ישיבה, כי לא תמיד מוצא המקום אשר שאיפתו היתה אליו. ומכל שכן כאשר לא מוצא לו מקום מתאים כלל, ומזה נתרבו אחר כך העוזבים יהדותם לגמרי, כי לפי המצב היום כאשר אין מסגרת לבחור בישיבה, אי אפשר לו לעמוד בנסיון פיתוי הזמן ומתחבר לחברותא לא טובה. ולא כמו שהיה בימים הקדמונים, שגם אם לא נכנס לישיבה ללמוד, היה נעשה סנדלר או תופר בגדים במקום יהודי, ואחר כך היה לומד קצת, ונשאר יהודי כשר ותמים.

מעולם לא היתה כזאת בישראל, שבחור ירא שמים לא יוכל ליכנס ללמוד בישיבה, בחור בן י"ד וט"ו שנה, אפרוח שלא נפתחו עדיין עיניו, נגזר כבר דינו שלא יצליח, ויש לו להסתובב בין חלושים במקום שלא יוכל להתעלות.

ואם תאמרו איך יתכן כזאת באמת, שראשי ישיבות ומנהלי ישיבות יסגרו דלתי התורה כרשעים ח"ו. לא כן הוא, אלא לפי המצב כעת אין הם אשמים, וכמה פעמים אי אפשר להם להתנהג באופן אחר. והוא משום שלפני עשרים שנה בערך נעשה שינוי בעניני הישיבה. כי מאז ומעולם היו בישיבה מעורבים כל סוגי בחורים, מצויינים בינונים וחלושים, וכמו שהוא בתלמוד תורה, וכל אחד התעלה לפי דרגתו, הבינונים נמשכו אחרי המצויינים, והחלשים נמשכו אחר הבינונים, והתעלו לפי מדריגתם. וקודם המלחמה היתה רק ישיבה אחד למצויינים, ישיבת חכמי לובלין, אבל רק לבחורים גדולים באים בשנה, מבן עשרים שנה ומעלה, שידעו בעל פה כמה מאות דפים גמרא. אבל בחורים עד שנים אלו למדו כולם יחד.

אבל זה כעשרים שנה שהתקבצו איזה תלמידי חכמים, והמשיכו מהתלמודי תורה הבחורים המצויינים ועשו ישיבה עבורם, והניחו הבינונים והחלושים. וישיבה של בינונים יכול להצליח מאד מאד, אבל לא עם חלושים יחד, כי הבינונים נשפעים מהם. ועבור כל בחור מצויין שיש בהכתה יכולים לקבל כנגדו ב' וג' חלושים. אבל בכתה של בינונים אם מכניסים גם חלושים אחדים, הם מורידים האיכות וההתמדה של בני הישיבה. ומאז שנתהוו סוגי ישיבות אלו, נסגרו כמעט דלתות הישיבה להחלושים, כי ישיבה לחלושים לבד קשה להצליח, כי רק קנאת סופרים תרבה חכמה. וכעת אנו רואים הפירות מזה.

ומי הוא האשם בדבר, לא רק הראשי ישיבות והמנהלים, אלא האבות עצמם, כשיש להם בחור מצויין, הם שולחים אותו מבין חבריו רק בין מצויינים. ואם שומע שיש ילד או בחור שאינו נושא חן בעיניו, הוא אומר להמנהל שכל זמן שיש בחור זה בכתה לא ישלח בנו ללמוד שם, ולכן ההנהלה בוחר לעצמו רק הטוב. ושוב כאשר יש לאותו אב בן שני שאינו מצויין, הוא מלא טענות על מה שאין מקבלים בנו בישיבה. הוא עצמו עשה לו חורבנו, הוא כרה הבור, ונופל בו בעצמו. ואם היה לו בן בישיבות הרגילות היו מקבלים שם גם בנו החלוש. – בכל אופן המצב נורא, הנהלת הישיבה אינם אשמים, והאבות צועקים, והבנים הם הקרבנות.

והנני קורא להראשי ישיבות ומנהלי הישיבות, לא תאמרו שלום עלי נפשי, אני עושה הטוב בעיני וגם בעיני ה' לתועלת הבחורים הנמצאים אצלי, ואני את נפשי הצלתי, כי יש לנו אחריות גם על שאר הבחורים, ועל בית אבותיהם הנחרבים, והאמהות בוכות בלי הרף כאשר רואים את בניהם שאין להם מקום בישיבה, והם יורדים ונופלים לאט לאט. יש לנו להתאסף כולנו יחד ולטכס עצה מה יכולים לעשות, כי לא מדברים מיחידים רק ממאות בחורים. ומצוה רבה על העסקנים לארגן מה שיכולים לעשות, כי יש בזה הצלת נפשות ממש בגשמיות וברוחניות.

**גאלדשטיין** הי"ו, שהתקיים באולם כתר רייזל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **אלעזר קליינבערגער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אברהם יודא אינדיג** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

*

***יום רביעי פרשת חיי שרה***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **שלמה יוסף מאלה** הי"ו (חתן הר"ר **יעקב כוואן** הי"ו, ארגענטינא). אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **פישל קליין** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אשתו ע"ה.

*

***יום חמישי פרשת חיי שרה***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***שבת קודש פרשת חיי שרה***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד החתן הרב **שלמה זלמן כ"ץ** שליט"א.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **אהרן שעהר** הי"ו (חתן הר"ר **חיים צבי וועכטער** הי"ו).

# פרשת תולדות כ"ו חשון - ב' כסלו תש"פ לפ"ק

***יום ראשון פרשת תולדות***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יוסף באדאנסקי** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים הגיע **הרה"ג רבי לוי יצחק גרינוואלד שליט"א** דומ"ץ פאפא בב"פ לקראת שמחת נישואי בתו למז"ט ובשטומ"צ.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** איך האב נאכנישט געגעבן מזל טוב צו די נייע רבנות, עס זאל זיין מיט אסאך ברכה און הצלחה און נשיאת חן, להגדיל תורה ולהאדירה.

**דומ"ץ פאפא ב"פ:** די וואכען זענען דאך די פרשיות פון שידוכים, חיי שרה, תולדות, ויצא.

**רבינו:** די שורש פון שידוכים ליגען אין די פרשיות.

**דומ"ץ פאפא ב"פ:** עס שטייט אין **חתם סופר**, איזהו חכם הרואה את הנולד (תמיד לב.), אז פון וואס עס איז געווען, דארף מען זיך אפלערנען וואס עס גייט זיין. ביי שידוכים דארף מען זיך אויף אלעם אויסנעמען, אזוי ווי מען זעהט אז אברהם האט זיך אלעס אויסגענומען, ער האט געמאכט א תנאי מיט א שבועה, ווייל ביי א שידוך דארף מען זיך אלעס באווארענען. מען דארף זיך נאך מער באווארענען ווי געווענליך.

**רבינו:** און מיט דעם אלעם פאלט מען דארט אריין די מערסטע. מען קען זיך נישט גענוג באווארענען. עס איז מן השמים ווי אזוי שידוכים ווערן געפירט.

די וועלט זאגט נאך, אז עס איז געווען אמאל א יוד וואס איז געפארן צו א אנדערע שטאט ענדיגען א שידוך, און ווען ער איז אנגעקומען נאנט צו די שטאט איז ער איינגעשטאנען אין א קרעטשמע, און ער האט זיך אינטערעסירט צו ער קען דעם יוד וואס וואוינט דארט און דארט. האט ער אנגעהויבן אויסצורעכענען אלע זיינע חסרונות, ער איז א גנב און א גזלן. ער איז שוין געווען אינמיטן וועג, און ער האט נישט געוואוסט וואס צו טון. האט ער געזאגט, אז יעצט פארשטייט ער פארוואס אליעזר האט געהאט קפיצת הארץ. ווייל אויב נישט, וואלט ער זיך אפגעשטעלט ערגעץ אין א קרעטשמע, און ווען ער וואלט געהערט ווער דער לבן און בתואל זענען, וואלט ער נישט ממשיך געווען צו אים אין שטוב. האט ער געהאט קפיצת הארץ, און ער איז גלייך אנגעקומען, ער האט נישט געהערט און נישט געזעהן, איז געווארן דער שידוך.

**דומ"ץ פאפא ב"פ:** עס איז דאך אלעס מעשה אבות סימן לבנים...

**רבינו:** דער חילוק פון דעם שידוך אין פרשת חיי שרה און די קומענדיגע פרשה ויצא איז, אז ביי יצחק האט אים דער טאטע חתונה געמאכט, אברהם האט געזוכט דעם שידוך, און אין פרשת ויצא האט זיך יעקב אליין חתונה געמאכט. יצחק האט אים טאקע געשיקט אז ער זאל גיין אהין, אבער יעקב האט עס אליין געענדיגט. עס דארף זיין א פרשה אין די תורה פאר דעם, און א פרשה פאר דעם. יעדער האט זיך זיין שורש.

נאך א חילוק איז דא צווישן די צוויי זיווגים, אז יצחק'ס שידוך איז געווען מיט א שדכן, און יעקב'ס שידוך איז געווען אן א שדכן. די וועלט זאגט אז שדכן איז די ראשי תיבות, ש'קר ד'ובר כ'סף נ'וטל. ווייל מען זעהט אז ווען אליעזר איז אנגעקומען אין שטוב פון בתואל, האט ער אויך נישט אלעס פארציילט פונקטליך ווי אזוי עס איז געווען (עיין רש"י כד-מז), ער האט נאר געזאגט וואס עס האט אויסגעפעלט, ווענן דעם איז ביי אלע שידוכים געבליבן א נקודה וואס עס דארף זיין שקר דובר.

**א' מהנוכחים:** דער רב האט אמאל דערציילט א מעשה פונעם **ויגד יעקב** וועגן א שידוך.

**רבינו:** איך דערצייל אסאך מאל די מעשה, עס איז א מוסר השכל. ביי איינע פון די שידוכים ביים **ויגד יעקב זצ"ל**, האט אים דער הויז בחור געזאגט נאכן שידוך, אז ער האט געהערט אין די מקוה רעדן, אז דער רב וואלט נישט געדארפט טון דעם שידוך, וואלט געקענט טון א בעסערן שידוך. ער האט אים דער ויגד יעקב געזאגט, איך שלאף שוין נישט נעכט, וואכען און חדשים, און איך בין שוקל צו איך זאל יא טון דעם שידוך, צו נישט טון דעם שידוך, און נאך אלעם וואס איך האב עס איבערגעטראכט, האב איך געטון דעם שידוך. קומט א יוד וואס האט נישט געהערט דעם שידוך נאר איין מינוט, און ער ווייסט שוין פונקטליך צו זאגען, צו עס איז א גוטע שידוך, צו נישט. - ווען מען גייט אדורך א שידוך טראכטען

עלטערן אסאך מאל וואכען, די מעלות די חסרונות, וואס האב איך יא אויפן טיש און וואס נישט, און מען איז מחליט. און א אנדערער מענטש פסק'נט אפ יענעם אזוי אין איין מינוט, צו ער האט גוט געטון צו נישט. עס איז נישט נאר ביי שידוכים, עס איז ביי אלעם אזוי.

**רבינו שליט"א נתן לו ספר שמן ראש, ונפרדו לשלום**

*

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יצחק ניסן** ע"ה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת לערנער שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אשת הר"ר **יהושע לערנער** הי"ו).

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' ברכת המזון סימן קצ"א סעיף א') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**ווען** אברהם האט געשיקט אליעזר זוכען א שידוך פאר יצחק, האט ער געזאגט, ה' אלקי השמים אשר לקחני מבית אבי ומארץ מולדתי, ואשר דבר לי ואשר נשבע לי לאמור לזרעך אתן את הארץ הזאת, הוא ישלח מלאכו לפניך (כד-ז), ער זאל שיקען א מלאך פאר דיר. וואס איז דער אשר לקחני מבית אבי ומארץ מולדתי, וואו קומט עס אהער צו דעם שמועס דא. ער האט דאך נאר געוואלט ארויסברענגען אשר דבר לי ואשר נשבע לי לאמור לזרעך אתן את הארץ הזאת, אז דער אייבערשטער האט מיר דעמאלטס געשוואוירען, אז איך וועל באקומען ארץ ישראל, און וועגן דעם גיי אהין נעמען א אשה פון ארץ ישראל, פון דאס פלאץ וואס דער אייבערשטער האט מיר צוגעזאגט. אבער דאס, אז דער אייבערשטער האט מיך ארויסגענומען מבית אבי ומארץ מולדתי, איז נישט נוגע אהער. - און וואס איז דער אשר לקחני, וואס ער האט מיר גענומען. ער האט דאך נאר געהייסען לך לך מארצך, ער האט אים נישט גענומען. רש"י טייטשט, אז מארץ מולדתי גייט ארויף אויף אור כשדים.

**דער** פשט דערפון איז, אלע הויפט ענינים פון אברהם אבינו איז באשריבן אין די תורה, עס איז אבער דא איין זאך וואס איז געווען ביי אברהם אבינו, א הויפט זאך פון זיין לעבן, וואס דאס שטייט נישט אין חומש. אז ווען אברהם אבינו האט צובראכן די עבודה זרה'ס ביי תרח, האט נמרוד געהייסען אז מען זאל מאכען א פייער, און מען זאל אריינווארפען אברהם אין כבשן האש. מען האט אים אריינגעווארפען, ער האט זיך געלאזט פארברענען, און דער אייבערשטער האט אים מציל געווען פונעם כבשן האש. עס ווערט נאר דערמאנט אין רש"י אויפן פסוק (יא-כח) וימת הרן על פני תרח אביו.

**די** גמרא (פסחים קיח.) זאגט, אז ווען מלאך גבריאל האט געזעהן וואס עס גייט פאר, האט ער געזאגט פארן אייבערשטען, איך בין דער שר האש, איך וויל אראפגיין און אפקילען די פייער פון אברהם אבינו. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, ניין, איך וועל גיין, און דו וועסט בלייבען דא. איך בין א יחיד בעולמי, און אברהם אבינו איז אויך א יחיד אויף די וועלט וואס איז מקדש מיין נאמען, ראוי ליחיד שיציל את יחיד. איך בין א יחיד און ער איז א יחיד, און איך וועל אים מציל זיין. און דער אייבערשטער אליין איז אראפגעקומען, און דער באשעפער האט אויסגעקילט דעם כבשן האש, און עס האט אים גארנישט פאסירט.

**און** דער אייבערשטער האט שפעטער געזאגט פאר מלאך גבריאל, איך בין נישט מקפח שכר כל בריה, וואס קען איך דיר באצאלען פאר דעם. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, איך וועל דיר באצאלען, אז דריי אייניקלעך פון אברהם אבינו, חנניה מישאל ועזריה, וועט מען שפעטער אויך אריינווארפען אין כבשן האש, און דעמאלטס וועל איך דיר שיקען, אז דו זאלסט זיי מציל זיין פונעם כבשן האש.

**די** מפרשים שטעלן זיך, אז מלאך גבריאל האט נאר געוואלט מציל זיין איינעם, אברהם אבינו. פארוואס האט מען אים געגעבן אז ער זאל מציל זיין אלע דריי. וואס איז דער מדה כנגד מדה. וועט מען זאגען, אז אברהם איז נישט דא נאר איינער, און ווען מען האט אים געגעבן א צווייטען מציל צו זיין, האט מען אים געגעבן איינער וואס זאל זיין במקום פון אברהם אבינו. די דריי זענען דען יא במקום פון אברהם

אבינו?! וואס איז די דריי וואס מען האט אים געגעבן מציל צו זיין.

**דער** פשט דערפון איז, עס שטייט אין מדרש (ב"ר סג-ב), אז ווען מען האט מציל געווען אברהם אבינו פונעם כבשן האש, איז עס נישט געווען אין זיין זכות, נאר עס איז געווען אין זכות פון יעקב אבינו. יעקב אשר פדה את אברהם (ישעיה כט-כב), אין זכות פון יעקב האט דער אייבערשטער מציל געווען אברהם. שטעלט זיך דער **נזר הקודש** און ער פרעגט, אברהם האט נישט געהאט גענוג זכותים, אז ער דארף האבן די זכותים פון יעקב, אז מען זאל אים מציל זיין? זיין זכות איז גארנישט?

**זאגט** דער הייליגער **נזר הקודש**, א ערליכער יוד איז זיין גאנצער השתוקקות אז ער זאל זיך קענען פארברענען פארן אייבערשטען. ער זאל קענען אוועקגעבן פארן רבונו של עולם דאס בעסטע וואס ער האט. און וואס האט ער? דאס לעבן פון א מענטש, איז די חשוב'סטע ביי אים. מען געפונט ביי רבי עקיבא (ברכות סא:), אז יעדן טאג האט ער משתוקק געווען, מתי יבא לידי ואקיימנה, נישט ווען מען דארף זיך מוסר נפש זיין, וועט מען זיך 'נעבעך' מוסר נפש זיין, נאר ער איז געשטאנען און געווארט אז עס זאל קומען דער טאג, ער זאל זיך קענען פארברענען פארן אייבערשטען. אשריך רבי עקיבא שיצתה נשמתך באחד (שם).

**קומט** אויס, אז עס איז נישט א זכות פאר א מענטש אז ער ווערט ניצול פונעם כבשן האש, ווייל דאס איז דאך זיין גרעסטער עילוי. די שלימות וואס א מענטש קען האבן, איז צוצוקומען אז ער זאל פארברענט ווערן פארן אייבערשטען. אויב אזוי וואלט דער זכות פון אברהם אבינו געדארפט זיין, אז ער זאל פארברענט ווערן פארן אייבערשטען. פארוואס האט אים דער אייבערשטער מציל געווען? נאר אזוי ווי ער דארף דאך אויפשטעלן דורות שפעטער, אברהם איז נאך געווען אליין דעמאלטס, ער דארף נאך האבן א יצחק מיט א יעקב און א כלל ישראל, און א מענטש דארף מוותר זיין פון זיך פאר יענעם. האט דער אייבערשטער געזאגט פאר אברהם אבינו, פאר דיר וואלט געווען א געוואלדיגע עילוי ווען דו ווערסט פארברענט פארן אייבערשטען, אבער א מענטש דארף אוועקקוקען פון זיך פאר א צווייטען. דו דארפסט נאך אויפשטעלן א יעקב, און יעקב אשר פדה את אברהם.

**קומט** אויס אז אברהם אבינו וואס איז ניצול געווארן פונעם כבשן האש, איז נישט ניצול געווארן פאר זיך, נאר ער איז ניצול געווארן ווייל ער דארף אויפשטעלן א יצחק מיט א יעקב, יעקב אשר פדה את אברהם. און אז מען איז מציל אברהם אבינו, איז מען נישט מציל איין מענטש, נאר מען איז מציל דריי, אברהם מיט יצחק און יעקב. האט דער אייבערשטער געזאגט, איך וועל דיר באצאלען מדה כנגד מדה, ווייל דו האסט געוואלט מציל זיין אברהם, וועסטו מציל זיין דריי מענטשען, חנניה מישאל ועזריה.

**קומט** אויס, האט זיך אברהם אבינו פון דעם אפגעלערנט, אז עס איז חשובער מוותר צו זיין פון זיך, כדי ער זאל קענען אויפשטעלן א כלל ישראל. נו, מען האט געדארפט יעצט אויפשטעלן א כלל ישראל, אויב יצחק וועט טון אזא שידוך וואס איז נישט צוגעפאסט, [וועט נישט זיין יעקב אשר פדה את אברהם]. וועט פון דעם שידוך נישט ארויסקומען קיין יעקב, און עס האט זיך נישט געלוינט די גאנצע זאך. כדאי עס זאל קענען זיין יעקב אשר פדה את אברהם, האט מען געדארפט טרעפן א שידוך וואס איז צוגעפאסט פאר אים. האט אברהם געזאגט פאר אליעזר, ה' אלקי השמים אשר לקחני מארץ מולדתי, זאגט רש"י, מאור כשדים, ער האט מיר ארויסגענומען פון אור כשדים. און פארוואס האט ער מיך אויסגענומען פון אור כשדים, עס וואלט דאך געווען א גרויסע עילוי פאר מיר, ווען איך וואלט דארט נתעלה געווארן על קידוש ה', איז דאס דאך נאר, ווייל איך דארף אויפשטעלן דעם בית ישראל, ממילא הוא ישלח מלאכו לפניך, זאל ער שיקען א מלאך וואס זאל צוגרייטען דעם שידוך פאר יצחק עס זאל קענען ארויסקומען דער כלל ישראל.

*

**א** דבר צחות צוגעבן דערצו, די נגינה אויף אשר לקחני מבית אבי ומארץ מולדתי איז, קדמא ואזלא זרקא מונח סגול. אשר לקחני גייט דאך ארויף אז דער אייבערשטער האט מיך ארויסגענומען, עס גייט נישט ארויף אז ער האט אים געהייסען גיין. ווען ער איז געווען אין אור כשדים, איז דער אייבערשטער

אליין אראפגעקומען, אשר לקחני, ער האט מיך
ארויסגענומען, מארץ מולדתי, פון אור כשדים.
קדמא ואזלא, דער אייבערשטער האט מקדים
געווען דעם מלאך גבריאל וואס ער האט געוואלט
גיין מציל זיין אברהם אבינו פונעם כבשן האש, און
דער אייבערשטער איז געווען דער וואס אשר
לקחני, זרקא, גבריאל האט ער געלייגט אינדערזייט,
און ער האט אים געזאגט, מונח, דו ביסט
אוועקגעלייגט, סגול, פאר חנניה מישאל ועזריה, דו
וועסט זיי מציל זיין.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הדינער לטובת כולל שומרי החומות, שהתקיים באולם עטרת חי'.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יוסף באדאנסקי** הי"ו, שהתקיים באולם גרענד דיקאר.

*

### *יום שני פרשת תולדות*

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יודל בינער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל **הגה"צ רבי אברהם עקשטיין שליט"א** אב"ד בואנעס איירעס, שישב שבעה על פטירת אשתו הרבנית ע"ה.

*

### *יום שלישי פרשת תולדות*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל שם תפלת מנחה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לניו דזשערסי והשמיע מדברותיו אצל אסיפה של קרוב למאה מנהלי תלמוד תורה מרחבי ניו יארק, שהתקיים במלון הילטאן.

### *וזה תוכן הדברים:*

**איך** וועל אנהייבן מיט א פסוק פון די וואך אין די פרשה. יצחק און רבקה האבן נישט געהאט קיין קינדער, און זיי האבן מתפלל געווען פאר קינדער, ויעתר לו ה', ותהר רבקה אשתו. ויתרוצצו הבנים בקרבה, ותאמר אם כן למה זה אנכי, ותלך לדרוש את ה' (כה-כב). רש"י איז מסביר, אז ווען זי איז אדורכגעגאנגען ביי בתי כנסיות און בתי מדרשות איז יעקב מפרכס לצאת, און ביי בתי עבודה זרה איז עשו מפרכס לצאת. זי האט געמיינט אז עס איז איין קינד, און ער וואקלט זיך, אמאל איז ער ביי עבודה זרה, אמאל איז ער אין בית המדרש. איז זי געגאנגען לדרוש את ה', לבית מדרשו של שם, ער זאל איר זאגן מיט רוח הקודש, וואס עס גייט פאר. ויאמר ה' לה, ברוח הקודש, דורך א שליח, שני גויים בבטנך ושני לאומים ממעיך יפרדו, עס איז צוויי קינדער, צוויי וועלטן. זיי וועלן זיך תיכף אפטיילן, יעקב וועט גיין איין וועג, עשו א צווייטע וועג. ולאום מלאום יאמץ ורב יעבוד צעיר. און אזוי איז טאקע געווען, ווי עס האט זיך אויסגעשטעלט שפעטער, יעקב און עשו.

**עס** איז דא שווער צוויי דקדוקים אין די מעשה. זי האט געוואלט וויסן וואס עס גייט פאר מיט דעם קינד, ותלך לדרוש את ה', איז זי געגאנגען אין בית המדרש פון שם. זי האט געהאט א מאן יצחק, וואס איז געווען א נביא ה', און זי האט געהאט א שווער אברהם אבינו, וואס איז אויך געווען א נביא ה'. זי האט נישט געדארפט גיין ביז שם, געוואר צו ווערן וואס דא גייט פאר. זי האט געקענט פרעגן איר מאן, ער איז א נביא, ווער מיר געוואר וואס גייט פאר מיט די בנים. זי האט געקענט גיין צו איר שווער, צו אברהם אבינו, פרעגן. און זי איז נישט געגאנגען, זי האט נישט געפרעגט אברהם, און נישט געפרעגט יצחק, נאר זי איז אוועקגעגאנגען אין דער פרעמד, צו בית מדרשו של שם, דארט מברר צו זיין.

**ווען** זי איז צוריק געקומען, און מען האט איר געזאגט מיט רוח הקודש, ויאמר ה' לה, אז שני גויים בבטנך, זי גייט האבן א ערליך קינד, מיט א קינד א רשע, איז זי נישט געגאנגען פארציילן פאר יצחק וואס מען האט

איר געזאגט. ווייל ווען יצחק וואלט געוואוסט אז עשו גייט נישט אויפן ריכטיגען וועג, וואלט נישט געווען ויאהב יצחק את עשו, ער וואלט אים נישט ליב געהאט, און ער וואלט אים נישט איבערגעגעבן די ברכות. איז דאך על כרחך אז זי האט נישט פארציילט פאר איר מאן וואס זי האט געהערט בנבואה. פארוואס? עס דארף דאך א ביאור.

*

**איך** וויל קודם באגריסן די אלע וואס זענען זיך צוזאם געקומען, כינוס לצדיקים הנאה להם והנאה לעולם (סנהדרין עא:), א כינוס פון ערליכע אידן, איז הנאה להם, עס איז שיין אז פון אלע קרייזן קען מען זיצן ביי איין טיש, און אדורכשמוסן וואס עס איז נוגע פאר חינוך פון קינדער. און עס איז הנאה לעולם, עס איז א תועלת פאר די וועלט. סוף כל סוף די מנהלים פירן אן די מוסדות התורה, וואס דער קומענדיגער דור וועלן אויסוואקסן פון די קינדער וואס עטץ זענטס זייער מנהלים, די תלמידי חכמים און חכמי ישראל פונעם קומענדיגער דור, וועלן אלע ארויסקומען פון די חדרים, וואס איז היינט די שענסטע וואס איז דא אין די וועלט. איז עס א כינוס לצדיקים וואס איז הנאה להם און עס איז הנאה לעולם. יעדע זאך וואס מען לערנט זיך, יעדע זאך וואס מען טוט פארבעסערן, איז א תועלת פאר די גאנצע וועלט.

**די** גמרא (בבא בתרא ח:) זאגט, ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד (דניאל יב-ג), לערנען תורה מיט יודישע קינדער, דאס הייסט מצדיקי הרבים, און כל שכן די מנהלים, וואס שטייען איבער דעם. און דער פסוק זאגט, אז די מצדיקי הרבים וועלן לייכטן ככוכבים לעולם ועד, אזוי ווי שטערנס וואס לייכטן אויף שטענדיג. דער ענין פארוואס ער רופט זיי אן אז זיי זענען ככוכבים, אזוי ווי די שטערנס. ביי די שטערנס שטייט אין פסוק (תהלים קמז-ד), מען זאגט עס יעדן טאג ביים דאווענען, מונה מספר לכוכבים לכולם שמות יקרא, דער אייבערשטער ציילט די שטערנס, און יעדער שטערן האט זיין נאמען. **די מצדיקי הרבים וואס לערנען תורה מיט יודישע קינדער, זיי ווייסן אז א יודיש קינד איז נישט נאך א נאמבער אין די קלאס, נאך א קינד צוגעקומען, נאר יעדעס קינד איז א עולם מלא פאר זיך, א שטערן וואס קען אליין לייכטן, און א שטערן וואס קען באלייכטן פאר אנדערע. מען דארף באטראכטן א יעדע קינד, ווי ער איז א עקסטערע שטערן פאר זיך.** יעדע זאך וואס האט א נאמען, באדייט אז דאס איז א דבר מיוחד, וואס ווערט אנגערופן מיט דעם און דעם נאמען. יעדע בעל חי האט זיין נאמען, יעדע זאך אין דער וועלט האט זיין נאמען, ווייל דאס ברענגט ארויס וואס די זאך איז. דער אייבערשטער האט מיליאנען כוכבים אין הימל, און לכולם שמות יקרא, אלעס איז מיט א חשבון, יעדע זאך האט זיך זיין נאמען, וואס דער אייבערשטער רופט אים עקסטער, צו ווייזן די חשיבות פון די כוכבים.

**די** מלמדי תינוקות וואס לערנען תורה מיט יודישע קינדער, דארפן באטראכטן יעדעס קינד מיט א עקסטערע חשיבות, ער האט א עקסטערע נאמען פאר זיך. עס איז נישט דא צוואנציג קינדער אין די קלאס, צו דרייסיג קינדער אין די קלאס, נאר יעדעס קינד איז א יחיד במינו פאר זיך אליין. איז די שכר פון די מצדיקי הרבים, אז זיי לייכטן שפעטער אויך, ככובים לעולם ועד. ווייל זייער ארבעט אויף די וועלט איז צו באטראכטן יעדעס קינד אז ער האט אויך א נאמען פאר זיך, ער איז א כוכב פאר זיך אליין.

**היינט לעבל'ט מען דאך א גרויסע טייל פון די קינדער. דאס קינד האט די ע'. בי'. סי'., דער אנדערער האט א צווייטען נאמען וכדומה. און אסאך מאל איז מען אים מזניח וועגן דעם. ער איז א שווער קינד, פון אים וועט ממילא קיין סאך נישט אויסוואקסן. און מען טוט פארקוקן וואס די תועלת פונעם דעם קינד איז. א קינד איז א שטערן! יעדעס קינד האט א עקסטערע נאמען פאר זיך, ער איז א עקסטערע בריה פאר זיך, דער אייבערשטער האט אים אראפ געשיקט אויף דער וועלט, און דער אייבערשטער האט א נחת רוח פון אים. ווי אזוי, און וואס, און ווען, דארף מען נישט אלץ פארשטיין, אבער מען דארף צושטעלן פאר יעדעס קינד, דאס בעסטע וואס מען קען טון פאר אים.** איז די מצדיקי הרבים, וואס זיי טון באטראכטן יעדעס קינד מיט א נאמען עקסטער, זיי זענען ככוכבים לעולם ועד. עס וועט זיין אסאך מצדיקי הרבים לעתיד, פון אלע דורות וואס וועלן זיך צוזאמקומען, און יעדער איינער וועט האבן דעם זכות צו זיין מיט א עקסטערע נאמען פאר זיך, ווייל דאס איז געווען זיין ארבעט אויף דעם עולם.

*

**די** כוכבים זענען אנדערש ווי די זון און די לבנה. די זון און די לבנה גייען שטענדיג, די זון שיינט אויף, און עס גייט אראפ, און די לבנה האט זיין גלגל. אבער די שטערנס זענען דא סיי בייטאג און סיי ביינאכט. בייטאג זעט מען זיי נישט, נאר ווען עס איז טונקל דעמאלטס לייכטן זיי. און אזוי איז די עבודה וואס מען לייגט אריין אין יודישע קינדער. ווען עס גייט אלעס גוט, איז דאך אלעס גוט, עס דערקענט זיך נישט אזוי ווייט די חינוך וואס מען האט אריינגעלייגט אין זיי. אבער ווען עס קומט נסיונות, ווען עס קומט טונקל, ווען עס קומט שוועריקייטן, דעמאלטס קומט ארויס די ערליכקייט און די חינוך וואס א קינד האט באקומען אינעם שטוב און אין תלמוד תורה, און עס הייבט דעמאלטס אן צו לייכטן. זיי זענען ככוכבים, ווען די זון שיינט דערקענט מען נישט זייער ליכטיגקייט, אבער אין די פינסטערע זמנים דעמאלטס הייבט אן ארויסצושיינען די ליכטיגקייט וואס איז דא אין זיי.

*

**איך** מיין צו זאגן א דרך ווי אזוי מען דארף מחנך זיין קינדער, וואס איז מרומז אין דעם וואס דער פסוק איז מדמה ככוכבים לעולם ועד. איך פארשטיי אז מען האט היינט גערעדט איבערן טאג אלע ערליי שיטות ווי אזוי מען דארף מחנך זיין, שטרענג צו נישט שטרענג, מיט ווייעכקייט וכדומה. ווי אזוי עס איז אמאל געווען, און ווי אזוי די זאכן טוישן זיך. עס איז דא זאכן וואס האבן זיך געטוישט אפילו אין אמעריקא. איך בין אויך א פראדוקט פון אמעריקא, איך בין אויך נתחנך געווארן דא. ווי אזוי עס איז אמאל געווען עלטערן וואס האבן מחנך געווען קינדער, און ווי אזוי די תלמוד תורה'ס האבן מחנך געווען. עס איז אמאל געווען דער חושך שבטו שונא בנו (משלי יג-כד), עס איז געווען מיט א געוויסע שטרענגקייט, און עס האט געארבעט דעמאלטס.

**אמאל האט א קינד נישט געהאט קיין סאך ברירות, מען איז געשטאנען אויף אים, און ער האט געוואוסט אז ער דארף פאלגן, און ער דארף טון וואס מען הייסט אים. ער האט נישט געקענט טראכטן אפילו פון איבערלאזן א שטוב, פון אוועק גיין. אפילו ווען ער איז עלטער געווארן, האט ער נישט געהאט וואו צו גיין, ער האט נישט געהאט וואו ער זאל זיך וואלגערן. און כל שכן אינדערהיים, וואו מען איז אויסגעגאנגען פאר א שטיקל ברויט, מען זאל האבן וואס צו עסן, מען זאל האבן א פלאץ וואו צו שלאפן, קוים האט ער עס געהאט אין שטוב. אויב ער איז ארויסגעגאנגען אויף די גאס, האט ער זיך געקענט ארומדרייען ווי א שטיין, ער האט נישט געהאט גארנישט, האט ער זיך געמוזט צושטעלן צום שטוב. - עס איז געווארן היינט א נייע וועלט, א פרייע וועלט, א אפענע וועלט, מען גיט צו עסן, מען גיט צו טרינקן, מען גיט דירות, אלעס וואס מען קען נאר באקומען, און ער לאזט איבער די עלטערנ'ס שטוב. און ממילא האט זיך געטוישט די גאנצע מצב ארום און ארום, ווי אזוי מען קען היינט מחנך זיין קינדער.**

**איך** האב אמאל געהערט זאגן, אז דער פסוק זאגט ביי א בן סורר ומורה (דברים כא-יח) כי יהיה לאיש בן סורר ומורה, איננו שומע בקול אביו ובקול אמו, ויסרו אותו, ולא שמע אליהם. פשוט פשט איז די טייטש, ויסרו אותו, אז מען האט אים געווארענט אז מען וועט אים שטראפן, און עס האט נישט געהאלפן. איך האב געהערט אמאל טייטשן, אז דער פסוק רעדט זיך אפ, פארוואס איז ער געווארן א בן סורר ומורה, ווייל ויסרו אותו, וועגן דעם איז ולא ישמע אליהם. ער האט נישט געקענט דערהייבן די 'פרעשער', ער האט נישט געקענט דערהייבן וואס מען איז געווען שטרענג צו אים, איז וועגן דעם איז ער אוועק געגאנגען, און ער הערט נישט צו אונזער קול.

**מען** דארף אבער האבן ביידע, שמאל דוחה וימין מקרבת (סנהדרין קז:), פון איין זייט דארף זיין דער שמאל דוחה, און פון איין זייט דארף זיין א ימין וואס איז מקרב. שמאל איז דאך די שוואכע זייט, שמאל דוחה, ווען מען דארף דוחה זיין, דארף עס זיין מיטן שמאל, אבער וימין מקרבת. **עס איז היינט זייער וויכטיג מקרב צו זיין, קאמפלימענטירן, און געבן פארן קינד זיין 'עטענש'ן' ווי מען רופט עס. זיין דערהויבנקייט וואס מען קוקט ארויף אויף אים, און דעמאלטס קען מען אסאך גרינגער מוסר זאגן, און מען קען אויפטון ביי דעם קינד.** - איך האב געהערט פון א מחנך, האט ער אמאל געזאגט, אז **פאר יעדע פינעף מינוט וואס מען זאגט מוסר, דארף מען קודם געבן א שעה ליבשאפט פאר דעם קינד, כדי ער זאל קענען אויפנעמען די מוסר וואס מען גיט.** ווען ער באקומט פון איין זייט אז מען איז אים מחשיב וכדומה, איז נאכדעם גייט אריין די מוסר וואס מען

זאגט, און מען קען אים זאגן מוסר, און ער איז נישט בועט אויף דאס וואס ער הערט.

**די** זון מיט די לבנה האט דער אייבערשטער באשאפן שני המאורות הגדולים (בראשית א-טז),ביידע זענען געווען גרויס. און די לבנה האט זיך אפגערעדט, אי אפשר לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד (חולין ס:), האט דער אייבערשטער געזאגט, לכי ומעטי את עצמך, דו זאלסט ווערן קלענער, און ער האט קליין געמאכט די לבנה. און נישט נאר סתם קליין געמאכט די לבנה, נאר עס קומט אויס פונעם **רמב"ם** (הל' יסודי התורה ג-ח), אז די לבנה איז א פערציג'סטל פון דער וועלט, און די זון איז הונדערט און זיבעציג מאל גרעסער פון די וועלט. אז די לבנה איז געווען אזוי גרויס ווי די זון, איז זי געווען הונדערט זיבעציג מאל גרעסער ווי די גאנצע כדור העולם, און היינט איז זי א פערציג'סטל פונעם כדור העולם. די חשבון איז, אז זי איז קלענער געווארן כמעט זעקס טויזנט אכט הונדערט מאל פון וואס זי איז געווען פון פריער. דאס איז טייטשט, אז זי האט באקומען א געזונטן פאטש פונעם אייבערשטען. זי האט זיך אפגערעדט אז מען קען נישט משמש זיין בכתר אחד, לכי ומעטי את עצמך.

**אבער** דער אייבערשטער האט געזעהן, אז עס האט נישט געשמעקט פאר די לבנה, איז געגאנגען דער אייבערשטער און ער האט מפייס געווען די לבנה. מיט וואס האט ער איר מפייס געווען. ער האט איר געגעבן די כוכבים. אז ווען זי גייט ארויס, גייט זי ארויס מיט טויזענטער שטערנ'ס. א רבי מיט טויזנטער חסידים. ווען זי גייט ארויס, איז זייער שיין די פארנעם פון די לבנה, ווי אזוי זי גייט ארויס אויף די וועלט. און דאס איז געקומען א פיוס פארן פאטש וואס זי האט באקומען פונעם אייבערשטען.

**און** דאס איז די עבודה פון מחנכים. **מחנכים דארפן געבן פעטש, אבער פאר יעדן פאטש דארף קומען דערצו כוכבים ארום און ארום, מפייס צו זיין אויף א געוויסן וועג, אויף דעם וואס מען האט אים געשטראפט.** איז וועגן דעם זענען די מצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד, ווייל זייערע עבודה איז, אז ווען מען גיט א פאטש פאר איינעם, דארף מען אים ארומנעמען מיט כוכבים, וואס די כוכבים זאלן מפייס זיין, ער זאל נישט זיין ביי זיך צובראכן. און וועגן דעם באצאלט דער אייבערשטער דעם שכר פאר די מצדיקי הרבים, אז זיי וועלן זיין ככוכבים לעולם ועד.

*

**א קינד דארף וויסן אז מען קוקט ארויף אויף אים, מען איז אים מחשיב. א מלמד דארף אים מחשיב זיין, און כל שכן דער מנהל וואס האט נישט צו טון מיט אים טאג טעגליך, ער האט נאר צו טון מיט אים בשעת ער פירט זיך נישט גוט אויף, דעמאלטס האט דער מנהל מיט אים א קשר און א שייכות. א קינד ביז ווילאנג מען איז אים מחשיב, מען קוקט ארויף אויף אים, פראבירט ער צו וואקסן, און ער וויל וואקסן, ווייל ער וויל געפעלן. ער וויל געפעלן פאר די עלטערן, ער וויל געפעלן פארן מלמד, און פאר די חברים ארום און ארום. איינמאל אז מען האט אים אראפגעקלאפט, און ער פילט אז ער האט פארלוירן זיין חשיבות, מען איז אים נישט מחשיב, מען האט אים געכאפט אז ער האט געטון עפעס א זאך וואס ער האט נישט געדארפט, און מען איז אים נישט מחשיב שפעטער פאר דעם וואס ער האט געטון, אז איך האב שוין ממילא פארלוירן אלעס, איך האב פארלוירן מיין חשיבות, שטרענגט ער זיך שוין נישט אן שפעטער, אז ער זאל צוקומען צו וואס ער וואלט געקענט צוקומען.**

**עס איז נוגע לגבי דעם קינד מיט זיין רבי'ן און מיט דעם מנהל, און לגבי א קינד מיט די עלטערן. ליידער היינט, עלטערן קענען קיין סאך נישט טון ווען א קינד פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין. עס איז זייער ווייניג וואס עלטערן קענען טון. אדרבה טאמער איז דא אמאל אין שטוב וואס ער איז נישט גוט, רופט מען די רבי, אפשר קען ער עס אין חדר מתקן זיין. אבער אז דער טאטע זאל מתקן זיין א זאך פונעם חדר, איז זעלטן וואס ער קען עס טון. און ווען מען פארציילט פאר א טאטע, אז דאס קינד איז נישט גוט וכדומה, און די קינד ווייסט, אז פארן טאטע האט מען געזאגט אז דאס קינד איז נישט ווי עס דארף צו זיין, פארלירט ער שוין די חשיבות ביי זיין טאטע אויך, און ער שפירט זיך שוין נישט נאכדעם אז ער דארף זיך צושטעלן צו דעם וואס דער טאטע האט ארויפגעקוקט אויף אים. איך בין דאך ממילא א שוואך קינד, איך בין ממילא א שגץ, איך בין שוין ממילא אזוי, עס איז שוין נישט קיין נפקא מינה ווי אזוי איך וועל זיך ווייטער אויסשטעלן.**

**עס** שטייט אין **ויגד משה** (בפרשתנו), ויאהב יצחק את עשו כי ציד בפיו (כו-כח), זאגט רש"י, כי ציד בפיו, שהיה מרמה את אביו, ער האט גענארט דעם פאטער, ער האט געפרעגט, איך מעשרין את המלח ואת התבן. יצחק האט געוואוסט אז ער נארט, נאר ביז **ווילאנג ער וויל נאך נארן דעם טאטען, איז גוט. אז ער האט שוין נישט קיין אינטערעסע צו נארן דעם טאט'ן, דעמאלטס איז צרות.** עס איז גוט ווען א קינד וויל נארן דעם טאטען, און עס איז גוט אז דער טאטע מאכט זיך ווי א גולם און ער לאזט זיך נארן, ווייל דעמאלטס וויל דער קינד געפעלן. ווען ער ווייסט, איך בין שוין ממילא גארנישט, איך האב שוין ממילא פארלוירן דעם ווערד ביי מיר אין שטוב, איז ווערט ער געפאלן דערמיט, און ער קען נישט וואקסן. **מען דארף זייער אכטונג געבן שטענדיג, צו עס איז נוגע פאר א קינד אין חדר, צו עס איז נוגע פאר אנדערע חברים, אז מען קלאפט אראפ א קינד, און דאס קינד שפירט אז ער האט פארלוירן זיין חשיבות, טוט מען אסאך מאל מער קאליע מאכן פארן קינד, פון וויפיל מען וואלט געקענט אויפטון ביים קינד אן דעם.**

**עס** שטייט אין משנה (אבות ד-יח), אל תשתדל לראותו בשעת קלקלתו, מען דארף זיך נישט משתדל צו זיין, צו זעהן ווען יענער האט א קלקלה. דער פשט איז נישט סתם ווי מען לערנט עברי מיט טייטש, ווייל עס פאסט נישט. עס איז נישט עטי"ש, ווען יענער האט א קלקלה, אז מען זאל קוקן ווי אזוי ער האט די קלקלה. עס איז אין א געוויסע זין אסאך מער. **ווען מען כאפט א מענטש ביי א עבירה, אפילו א עלטערער, נישט נאר א יונגל אין חדר. און ער פילט אז ער האט פארלוירן זיין חשיבות אין זיין סביבה ארום און ארום, פאלט ער נאכדעם מער און מער. ווילאנג קיינער ווייסט נישט דערפון, ער האט געטון א זאך וואס מען האט נישט געדארפט, ער איז אדורכגעפאלן אמאל, אבער אז קיינער ווייסט נישט דערפון, א טאג שפעטער האט ער אליין חרטה, און ער טוט זיך אליין זעהן ווי אזוי צו פארבעסערן. מען דארף נישט זעהן יענעם בשעת קלקלתו. ווען יענער ווייסט אז עס איז דא א קלקלה, און אנדערע באמערקן עס, קען ער נאכדעם שווער זיך צוריק אויפהייבן פון דעם וואס איז געווען. - מען פארשעמט א קינד אמאל ברבים, אין די קלאס, כלפי אנדערע. פון איין זייט האט מען געוואלט אויפטון, אבער אסאך מאל האט מען ארויסגעצויגן די חיות פונעם קינד, ער זאל זיך שפעטער ווערן צושטעלן.**

**איך** מיין אז דאס איז דער פשט וואס מען האט אנגעהויבן. ווען רבקה האט געזעהן אז ויתרוצצו הבנים בקרבה, זי האט געזעהן אז עפעס מיט דעם קינד איז נישט אין ארדענונג, איינמאל איז ער אין חדר און איינמאל אין בית עבודה זרה, איז דאך דער טייטש אז עפעס טויג נישט מיטן קינד. זי איז געווען א מבינה, זי האט פארשטאנען וואס דא גייט פאר. האט זי נישט געוואלט גיין פארציילן פאר איר מאן וואס דאס קינד איז, ווייל ווען דער מאן גייט הערן, אז ער האט א קינד וואס גייט געבוירן ווערן, וואס איז מפרכס לצאת לעבודה זרה, וועט ער שוין מעיקרא מרחק זיין דאס קינד, ווען דאס קינד וועט קומען אויף דער וועלט. דאס איז א קינד וואס איז א בן עבודה זרה, איך וויל אים נישט קענען, איך וועל ממילא גארנישט אויפטון. איז כאטש זי האט געוואוסט אז די זעלבע זאך קען זי געוואר ווערן ביי יצחק, זי וויל נישט דאס געוואר ווערן ביי יצחק, זי וויל נישט פארציילן פאר יצחק, וואס דאס קינד איז. און נישט נאר פארן טאטן יצחק, נאר אפילו פארן זיידן, פאר אברהם אבינו, וויל זי נישט פארציילן, איז זי געגאנגען אויפזוכן א פרעמדען, אז שם וועט וויסן אז עס איז דא א פראבלעם מיטן קינד איז נישט קיין נפקא מינה, ער מעג וויסן, אבער אז דער טאטע אדער דער זיידע זאלן וויסן, אז זי האט א קינד וואס איז מפרכס לצאת לעבודה זרה, האט זי נישט געוואלט אז זיי זאלן וויסן.

**און** כל שכן ווען זי איז געוואר געווארן, אז רוח הקודש זאגט אזוי, שני לאומים ממעיך יפרדו, איין קינד וועט זיין א עובד עבודה זרה, איז זי נישט אהיים געגאנגען דאס צו פארציילן פאר יצחק. ווייל ווען יצחק וועט וויסן אז ער האט א קינד וואס איז מפרכס לצאת פאר א עבודה זרה, וועט ער נישט אנהייבן אריינצולייגן קיין שום כח אין אים. מען האט שוין אויסגערופן פון הימל, אז שני לאומים ממעיך יפרדו. און זי האט געוואלט אויפטון ביי דעם עשו, וויפיל מען קען נאך אויפטון ביי אים. און זי האט טאקע אויפגעטון, אז ווען ער איז געקומען צום פאטער אין שטוב, האט ער זיך אויפגעפירט ווי עס דארף צו זיין, אזוי ווייט אז יצחק האט נישט

געקענט באמערקן אויף עשו קיין שום שינוי, עס איז געווען כי ציד בפיו, ער האט איהם געקענט אפנארן. עס איז געווען א חכמה פון רבקה, אז זי איז נישט געגאנגען פארציילן פארן פאטער וואס מען האט איר געזאגט, אזוי ווייט אז ווען יצחק האט געוואלט אוועקגעבן די ברכות, איז יצחק געווען גרייט אוועק צוגעבן די ברכות פאר עשו. און די תורה פארציילט עס אונז, צו וויסן, **נישט אלץ איז א קונץ צו פארציילען פארן טאטן, אדער פארציילן פארן מלמד. אסאך מאל דארף מען זיך מאכען תמ'יש. מען דארף אליין וויסן וואס עס גייט פאר, און וויסן ווי אזוי מען דארף זיך אויפפירן. אבער פון דעם וואס מען זאל ארומרעדן דערפון, און מאכן דערפון א עסק, און פארציילן פאר אנדערע מלמדים וכדומה, אז א קינד זאל ווערן אראפגעקוקט, דאס טוט אסאך מאל מער קאליע מאכן, ווי מען קען אויפטון. און כל שכן ביי עלטערן, ווילאנג עלטערן ווייסן אויף א קינד אז ער איז גוט, קוקט מען אויף דעם קינד מיט א אנדערן אויג, מען טוט אים שעצן, מען זאגט אים אלץ א גוט ווארט וכדומה, אבער איינמאל מען ווייסט אז דאס קינד איז א האלבער שגץ וכדומה, פארלירט מען די נאנטקייט צו דעם קינד, און דאס קינד פילט דאס, און אז דאס קינד פילט אז ער האט פארלוירן זיין טאטן, דארף ער שוין נישט דעם גאנצען שטוב, און דאס ברענגט צו ליידער אין אסאך פעלער, וואס עס קומט ארויס. עס איז אלעמאל וויכטיג צו וויסן, אז אפילו עס קומט אויס אז מען דארף מוכיח זיין, מען דארף זיין שטרענג וכדומה, דארף מען זיך אלץ מתבונן זיין וואס עס וועט זיין די תוצאות שפעטער, וואס עס וועט פון דעם ארויסקומען.**

*

**מען** רעדט דאך צו מנהלים, וואס זיי געבן ארויס די קאריקעלע"ם וואס מען רופט, וואס מען זאל לערנען. **מען דארף אריינלייגן אין קינדער זייער אסאך, ספי ליה כתורא** (בבא בתרא כא.). **כלפי וואס אונז האב מיר געלערנט אין חדר, לערנען היינט קינדער זייער ווייניג! זייער ווייניג!** די דורות זענען שוואכער, אונז האב מיר נישט געהאט מיט וואס זיך צו שפילן, איז ממילא דער קאפ געלעגן אין לערנען. עס איז היינט א אנדערע וועלט, א אפענע וועלט, מען איז פארנומען מיט הונדערטער זאכן, און עס גייט אריין ווייניג תורה. אבער וואס מען קען יא, און וויפיל מען קען אריינלייגן אין קינדער, דארף מען פראבירן אריינצולייגן, ספי ליה כתורא.

**ווען** איך בין געווען א יונגל, האב איך געלערנט אין סאטמאר, און איך וועל ענק זאגן וואס מען האט געלערנט אין א ווינטער, ווען איך בין געווען צוועלף יאר אלט. מען האט געלערנט מסכת גיטין, פון אנהייב מסכתא ביז אינמיטן פרק השולח (בערך פערציג בלאט) גמרא רש"י און תוספות. סוף חודש אדר, זענען מיר געגאנגען צו א פאראהער ביים **סאטמארער רב זי"ע**, ער איז געזעסן ביי זיך אין ספרים שטוב, און מען האט אויסגעשטעלט די קינדער ארום און ארום. קיין איין גמרא איז נישט געווען אפען, און ער האט געפרעגט וואס זאגט תוספות דארט, וואס זאגט תוספות דארט. וואס איז תוספות קשיא, וואס איז תוספות תירוץ, אזוי איז ער ארומגעגאנגען פרעגן. וויפיל לערנט מען היינט? וועלכע יונגל וואלט זיך היינט געקענט פארהערן ביי די צוועלף יאר, אפילו נאר איין פרק גמרא תוספות, אויף אויסנווייניג, און דעמאלטס האט מען פארהערט די גאנצע קלאס, נישט נאר פינעף קינדער, די עילויים, זיי האט מען פארהערט.

**איך** מיין נישט ארויסצוברענגן דעם חלק, אבער וואס מען קען יא, וויפיל מען קען יא אריינלייגן, דארף מען אריינלייגן אין קינדער. **קינדער קומען היינט ארויס פון חדר זייער רוי, זיי קומען אריין אין די ישיבות, מיט זייער ווייניג ידיעות התורה, און מושגים וואס איז דא אין תורה. מען וואלט געדארפט אויף א געוויסע וועג לערנען מיט זיי מושגים. וואס מיינט 'דבר שלא בא לעולם', וואס מיינט 'דבר שיש לו מתירין', זאכן וואס מען קען לערנען אין א קורצע צייט, ווען עס איז דא א געוויסע קאריקעלע"ם דערויף, אז מען זאל אריין לייגן ידיעות. זיי זאלן וויסן ווען עס איז געווען די תנאים, ביז ווען זענען געווען די אמוראים, ביז ווען זענען געווען די גאונים, ווען איז געווען דער גר"א, ווען איז געווען דער בעל שם טוב, זיי ווייסן גארנישט. דער רמב"ם מיט דער בעל שם טוב זענען ביי זיי כמעט געווען אין איין דור, און אפשר זענען זיי געווען נאנט צו די תנאים. עס איז נישט קיין הלצה, עס איז א אמת. און עס איז זאכן וואס מען קען יונגערהייט, אויף א שפילעדיגע וועג, וואלט מען דאס געקענט אריינברענגען, זיי זאלן דאס וויסן. מען דארף משים לב זיין דערויף.**

**רובא דרובא בחורים קענען נישט שרייבן. ווען מען גיט זיי א טעסט צו פארהערן אין ישיבה, קענען זיי קוים שרייבן. ענטפערן אויף לשון קודש קענען נאר א חלק, און אסאך קענען אפילו נישט ענטפערן אויף לשון הקודש, ער שרייבט אויף יודיש. אזוי ווי ער זאגט, אזוי קען ער עס שרייבען. און וואס ער שרייבט, שרייבט ער 'נח' מיט זיבן גרייזן. פארוואס?! כתב איז איינע פון די זאכען וואס א תלמיד חכם דארף קענען** (עיין חולין ט.). **פארוואס זאל מען נישט אריינלייגן אין יונגע קינדער אז זיי זאלן קענען שרייבען, און שיין שרייבן. אמאל האט מען געשריבן בריוון פאר עלטערן, ווען מען איז געגאנגען אין קעמפ האט מען געשריבן, היינט מיט די טעלעפאנס איז עס בטל געווארן, מען שרייבט נישט, אבער פארוואס זאל א קינד נישט קענען שרייבן. ווען ער ווערט ערוואקסען, און ער וויל זיין א בן תורה, ער וויל אראפשרייבן א חידוש, קען ער נישט שרייבען. מיידלעך אין מיידל סקול, שרייבן בעסער ווי די יונגלעך שרייבן א דבר תורה אין ישיבה! זיי האבען קאריקעלעם'ס געהעריג, מען שרייבט געהעריג, זיי דארפן נאכזאגן א דבר תורה, און זיי שרייבן עס אראפ. זיי קענען בעסער פירוש המלות אסאך מאל ווי די קינדער אין תלמוד תורה. עס איז זאכן וואס מען קען מברר זיין, און עס איז זאכן וואס מען קען טון דערצו, ווי אזוי מען קען די זאך פארבעסערן.**

*

**עס** קומט אויס צו נעמען מלמדים. מען זוכט דאך אייביג די בעסטע מלמדים. מען דארף לייגן א גרויסע דגוש, נישט נאר ווי אזוי דער מלמד איז מסביר, און וויפיל ער קען מסביר זיין, נאר אויף דער מהות פונעם מלמד. זיינע מדות ווי אזוי ער פירט זיך אויף, ווי אזוי ער רעדט, ווי אזוי איז זיין באנעמונג, זיין יראת שמים, זיין ערליכקייט. מען האט געדרוקט לעצטנע **אמרות טהורות** פון **ראחמיסטריווקא רבי זאל זיין געזונט**, שרייבט ער דארט, אז ער האט געהערט אין נאמען פונעם **חזון איש**, [און אז ער שרייבט עס דארט, איז א סימן אז ער האט געהאלטן אז עס איז ריכטיג]. אז מען האט געפרעגט דעם חזון איש, אז מען קען קען אויפנעמען א מלמד וואס קען זייער גוט מסביר זיין, אבער זיין יראת שמים איז נישט אזוי ספעציעל. און מען קען אויפנעמען א מלמד וואס איז א מצוין אין יראת שמים, אבער זיין הסברה איז נישט אזוי ווי עס דארף צו זיין, וועם זאל מען נעמען. האט דער חזון איש געזאגט, אז מען זאל ענדערש נעמען א מלמד וואס איז א ירא שמים. ווייל א קינד לערנט ביי זיין רבי נישט נאר די גמרא, א קינד לערנט ביי זיין רבי' אסאך און אסאך אנדערע זאכן ארום און ארום אויך. און עס איז פונקט אזוי וויכטיג ער זאל דאס קענען, ווי דאס וואס מען לערנט. ווען מען האט א רבי'ן א ירא שמים, וואס פירט זיך אויף ערליך, לערנען זיך די קינדער אראפ זיינע מדות טובות, ווי אזוי ער פירט זיך אויף, ווי אזוי ער דאווענט, ווי אזוי ער זאגט א אשר יצר אין חדר, ווי אזוי ער זאגט בורא נפשות, דאס לערנט מען זיך. קינדער לערנען זיך פון יעדען זאך, א מלמד איז א מלמד מיט אלעם וואס ער טוט. יעדע מעשה וואס ער טוט, האט ער געלערנט די קינדער ווי אזוי זיך צו פירן. אז מען האט א ערליכען מלמד, איז די תורה הייליגער, דאס לערנען איז ערליכער, איך רעד נישט פון די חלק חסידישקייט וואס איז דא דערין, נאר די עצם זאך אליין, ווען מען האט א מלמד וואס האט אין זיך אסאך איידלקייט, איז דאס משפיע אויף די קינדער.

**מען** דארף אליינס זיין א מוסטער צו אלעם וואס מען לערנט. ווען מען רעדט פון א מדה, זאל מען קענען ארויפקוקן, יא, מיין רבי איז אזוי, מיין מנהל איז אזוי, דאס גיט די חשיבות, און עס גייט אריין אין די קינדער. - מען געפינט אין פרשת וירא, ווען אברהם אבינו האט אריינגענומען די אורחים אין שטוב, וואס ער האט געטון אליינס, האט אים דער אייבערשטער צוריק באצאלט אליין. וואס ער האט געטון דורך א שליח, יקח נא מעט מים, האט אים דער אייבערשטער צוריק געצאלט דורך א שליח (בבא מציעא פו:). און רש"י (יח-ז) זאגט, ווער איז געווען זיין שליח? זיין שליח איז געווען ישמעאל, כדי לחנכו במצות, ער האט אים געוואלט מחנך זיין במצות. און דער אייבערשטער האט זיך אפגערעכנט מיט אברהם אבינו, דו האסט עס נישט געטון אליינס, דו האסט עס געטון מיט א שליח, ווען דיינע קינדער וועלן דארפן וואסער, וועלן זיי נישט באקומען פון מיר אליין, נאר דורך א שליח. אברהם אבינו איז געווען א מחנך, למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו (שם יח-יט), וואס האט ער געטון שלעכט? ער האט געוואלט מחנך זיין ישמעאל. עס איז דא געסט, ברענג אריין וואסער. קומט אים א עונש דערפאר, אז פאר זיינע קינדער וועט מען געבן נאר דורך א שליח?

**עס** שטייט אין די מוסר ספרים, מחנך זיין איז נישט ווען מען זאגט פאר יענעם, טו אזוי און אזוי. דער גרעסטער חינוך איז, ווען מען טוט עס אליינס, און דאס קינד זעהט ווי אזוי מען טוט עס, איז אויך א חינוך. ווען ישמעאל זעהט אז דער אלטער אברהם, וואס איז הונדערט יאר אלט, און עס איז שלישי למילה, און עס איז נישט געגוג וואס אל הבקר רץ אברהם, ער גייט נאך שלעפן וואסער פאר זיי, און ער איז נישט מכבד דעם זון, יקח נא מעט מים, וואלט דאס געמאכט אויף אים א גרעסערען רושם, פון דעם וואס דער טאטע האט אים געזאגט, ישמעאל גיי ברענג וואסער. דו דארפסט נאר די חינוך פונעם קינד, די חינוך פונעם קינד איז, ווען ער וועט זעהן וואס דער טאטע טוט, דאס איז דער חינוך.

**א** רבי וואס איז א מוסטער פאר קינדער, איז דאס אליינס דער חינוך פון קינדער. ואהבת את ה' אלקיך (דברים ו-ה), אהבהו על הבריות (יומא פו.) מען דארף באליבט מאכן דעם אייבערשטענס נאמען אויף מענטשן. שיהא משאו ומתנו באמונה, ודיבורו בנחת עם הבריות, איז מען מקיים ואהבת את ה' אלקיך. ווען א יוד פירט זיך אויף ווי עס דארף צו זיין, דאס איז אהבת ה'. ווי ער גייט, ווי ער שטייט, לערנט ער די וועלט אהבת ה' דורכדעם ווי אזוי מען פירט זיך. מען דארף לייגן א געוואלדיגע דגוש לייגן אויף דעם, אז די קינדער זאלן זיך קענען לערנען ביי די מלמדים, זיי זאלן זיין א מוסטער פאר זיי, ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן.

**איך** וויל ענק געבן א ברכה, חפץ ה' בידכם יצליח, עס זאל זיין מיט אסאך הצלחה ווייטער. עטץ ווייסט גארנישט ווי גרויס ענקער זכות איז, מצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד, עס איז נישט קיין קליינקייט דער שכר לעתיד, אז מען בויעט אויף יודישע דורות, יודישע טאטעס, וואס זיי וועלן אויפשטעלן שפעטער דעם כלל ישראל. מען דארף זיך פילן גליקליך, אז מען טוט די ארבעט. עס איז נישט קיין ארבעט וואס מען טוט פאר פרנסה, עס איז נישט קיין זאך וואס מען טוט ווייל מען האט א טאלאנט וכדומה, פילען א אמת'ע סיפוק דעריין, איך פריי זיך אז איך בין א מנהל אויף הונדערט קינדער, צו ב"ה אויף נאכמער, און איך האב ארויסגעגעבן דאס יאר פירות. מען האט געלערנט, און מען האט אויפגעטון. וויסן ביי זיך אליינס דעם געוואלדיגן חשיבות. אז מען איז מחשיב א זאך וואס מען טוט, טוט מען עס מיט מער ברען. מען דארף אריינגעבן אין די מלמדים אז זיי זאלן פילן א שמחה און א סיפוק אין זייער ארבעט וואס זיי טוען. נישט ער קומט דא פאר פרנסה, וועגן דעם האט ער אנגענומען מלומדות, נאר ער זאל וועלן טאקע אריינלייגן אז יעדע קינד זאל אויסוואקסן פון איהם דאס בעסטע וואס מען קען ארויסברענגען. און דער זכות איז זייער גרויס, עס איז זכות הרבים, עס איז נישט קיין זכות פון א יחיד, וואס מען איז אליין געשטיגן. אפילו אמאל דארף מען פארלירן פון די אייגענע שלימות, אז מען קען אויפטון פאר אנדערע, האט עס א געוואלדיגע חשיבות. זכות הרבים תלוי בו, זכות הרבים מיינט נישט די דור אליין, נאר זייער קינדער אייניקלעך און אור אייניקלעך, עס האט נישט קיין שיעור ביז משיח וועט קומען, איז אלעס די זכות פון די מנהלים וואס זיי טוען אריינלייגן די עבודת הקודש אין די קינדער.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, חפץ ה' יצליח, מען זאל קענען ווייטער טון להגדיל תורה ולהאדירה, עס זאל אנקומען גרינגערהייט, עס זאל זיין מיט אסאך סייעתא דשמיא. אין דעם זכות זאלן מיר אלע זוכה זיין, והמשכילים יזהירו כזוהר הרקיע, ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד, און אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום רביעי פרשת תולדות***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **וואלף לאנדא** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר כך השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של בן הר"ר **יוסף רובין** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **מאיר דוד טאבאק** הי"ו.

*

***יום חמישי פרשת תולדות***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, ושיעור השבועי באור החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***ערב שבת קודש פרשת תולדות***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **נתן רובין** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש תפארת משה. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וקריאת השם. אחר כך השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** וואונטשט אן ביי א ברית, כשם שנכנס לברית, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים (שבת קלז:). די מפרשים שטעלן זיך, וואס איז דער קשר, אז אזוי ווי מען איז אריין לברית, אזוי זאל מען אריינגיין לתורה.

**די** וואך אין די פרשה געפונט מען, ויתרוצצו הבנים בקרבה (כה-כב), און רש"י זאגט, אז ווען מען איז אדורכגעגאנגען על פתחי בית המדרש, יעקב מפרכס לצאת, און ווען מען איז אדורכגעגאנגען על פתחי עבודה זרה, עשו מפרכס לצאת. ותלך לדרוש את ה', מה תהא בסופה. האט מען איר געזאגט, שני גוים בבטנך, און איינער וועט גיין צו עבודה זרה, און איינער אין בית המדרש.

**די** מפרשים שטעלן זיך, מילא עשו איז מפרכס לצאת צו גיין אין עבודה זרה, ווייל ביי רבקה אמנו האט ער נישט געקענט דינען עבודה זרה. אבער יעקב, וואס ער איז אויך געווען מפרכס לצאת, צו גיין אין בית המדרש, די גמרא (נדה ל:) זאגט דאך, אז ווילאנג דאס קינד איז במעי אמו, לערנט א מלאך מיט אים כל התורה כולה, און עס איז נר דלוק על ראשו, ורואה מסוף העולם ועד סופו, ער קען כל התורה כולה, און ווען ער קומט ארויס, און ער גייט אין בית המדרש, פארגעסט ער אלעס, און ער דארף אנהייבען נאכאמאל פון דאסניי. מי יתנני ירחי קדם (איוב כט-ב) דרש'נט די גמרא (שם) מען בענקט זיך צוריק אויף די צייט וואס מען איז געווען במעי אמו, וואס מען האט געקענט כל התורה כולה. וואס איז דער מפרכס לצאת, פארוואס דארף ער ארויסגיין. וואס פעלט אים יעצט, ער קען דא אויך לערנען תורה. ווען ער וועט ארויסקומען וועט ער דאך האבען וויניגער תורה ווי ער האט יעצט. - די מפרשים זאגען, אז ער האט נישט געוואלט זיצען מיט עשו אין איין חדר. אפילו עס איז זייער גוט, און מען קען לערנען מיט א מלאך, אבער ער וויל נישט זיצען מיט עשו אינאיינעם.

**דער** ביאור דערפון איז, די חשיבות פון תורה, איז נישט צו קענען תורה, נאר צו לערנען תורה. דאס וואס א מלאך לערנט מיט א מענטש תורה, און מען קען כל התורה כולו, האט מען זיך גארנישט געפלאגט דערויף, עס איז נאר וואס מען האט אריינגעלייגט אין אים די תורה. נישט דאס איז די חשיבות פון א תלמיד חכם, אז מען האט אים אריינגעלייגט די תורה אין קאפ, און ער האט זיך נישט געמוטשעט דערויף.

**די** וועלט זאגט נאך אויף **רבי חיים שמואלביץ ז"ל**, אז ער האט געפרעגט אמאל, אז די הלכה איז, אז פאר א תלמיד חכם דארף מען זיך אויפשטעלן, פארוואס ווען עס קומט אריין א אשה מעוברת, דארף מען זיך נישט אויפשטעלן פאר איר, זי האט דאך אין זיך, א גרויסער תלמיד חכם, וואס קען כל התורה כולה, פארוואס זאל מען זיך נישט דארפן אויפשטעלן פאר א תלמיד חכם, וואס איז אריינגעקומען אין שטוב. [אויף די קשיא קען מען זיך אביסל דינגען, ווייל ווער זאגט אז עס איז א זכר, אפשר איז עס א נקבה. און מען קען זיך אויך דינגען צו מיט א נקבה לערנט מען כל התורה כולה, צו נישט. צו וויבאלד שפעטער איז זי נישט מחוייב מיט לימוד התורה, לערנט מען נישט, צו עס קען זיין אז עס איז דא א ענין אז זי זאל קענען כל התורה כולה, אפילו עס איז דא א סיבה אז זי לערנט נישט קיין תורה שפעטער, אלץ ולמדתם אותם את בניכם (דברים יא-יט), אבער קען זיין אז דער ענין וואס מען לערנט מיט א נשמה כל התורה כולה איז ביי איר אויך דא. און טאמער מען זאגט אז נישט, איז די שאלה יעצט, צו ביי א ספק תלמיד חכם דארף מען זיך אויפשטעלן. מען ווייסט דאך נישט יעצט צו

דאס איז א יונגעל, איז עס דאך א תלמיד חכם, און אז נישט, איז עס נישט א תלמיד חכם].

**האט** ער געזאגט, ווייל דאס וואס מען שטעלט זיך אויף פאר א תלמיד חכם, איז נישט ווייל ער האט כל התורה כולה אין זיך, ווייל ווען עס וועט קומען א חמור וואס האט אויף זיך א ש"ס, וועט מען זיך נישט דארפן אויפשטעלן דערויף, ווייל ער האט ש"ס אויף זיך. דאס וואס דאס קינד קען תורה, איז ווייל דער מלאך האט אים אריינגעלייגט די תורה אין קאפ, אבער נישט דאס איז די חשיבות פון תורה. די חשיבות פון תורה איז, אז מען פלאגט זיך, מען איז זיך מייגע אויף די תורה, ובתורה אתה עמל, מען איז קונה די תורה דורך יגיעה, דאס איז די חשיבות פון א תלמיד חכם, וואס מען דארף מכבד זיין.

**יעקב** אבינו האט געקענט כל התורה כולה, עס האט אים נישט אינטערעסירט צו קענען כל התורה כולה, ער האט געוואלט 'לערנען' כל התורה כולה, און דא קען מען נישט לערנען, נאר דער מלאך לערנט אויס אלעס. ווען ער איז אדורכגעגאנגען על פתחי בית המדרש, האט ער געזוכט ארויסצוגיין, ער וויל זיך אנהייבן מייגע צו זיין אויף תורה.

**ביי** א ברית זעהט מען, ברית מילה איז דאך א חשובע מצוה, אנדעם קען מען נישט צוקומען צו קיין שום זאך. אבער דער אייבערשטער האט נישט באשאפן דעם מענטש אז ער זאל זיין מהול, נאר ער ווערט באשאפן א ערל, און ער דארף זיך מל'ן, און דער אייבערשטער האט געוואלט מיר זאלן וויסן, אז די חשיבות פון א מצוה, איז נישט אז מען האט די מצוה, נאר מען דארף עס טון. מען דארף זיך מייגע זיין, פארגיסן בלוט מיט מסירת נפש, און אזוי גייט מען אריין מיט א כניסת ברית.

**כשם** שנכנס לברית, מען איז נישט געבוירן געווארן דערמיט, נאר מען איז אריינגעגאנגען לברית, מען האט אים גע'מל'ט, ער איז אראפגעקומען א ערל, און ער האט זיך געמוטשעט דערויף, ביז ער איז נכנס לברית, כן יכנס לתורה, אזוי דארף זיין ווען מען גייט אריין לתורה. נישט אז מען קען כל התורה כולה אן יגיעה. ווי מער א מענטש פלאגט זיך דערויף, ווי שווערער עס קומט אן עס קומט אים אן, האט אלץ מער חשיבות די תורה וואס ער האט געלערנט.

*

***שבת קודש פרשת תולדות***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק רבי צבי הירש מרימנוב זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום ל' חשון). בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א**.

במוצאי שבת הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **אהרן משה פוקס** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה (אלמנת הר"ר **יעקב אליעזר גרינוואלד** ע"ה).